א. אזוי ווי ס'איז דאך איצטער נאך שקיעת החמה און נאך צאת הכוכבים און נאך מעריב, האט זיך דאך שוין לכל הדעות אנגעהויבן דער טאג פון ער"ח מנ"א, וואס ווי גערעדט אין די פריערדיקע התוועדויות כמ"פ, אז מ'זאל מחליט זיין מיט א הוקף (נאך אין די ימים שלפניו"ז) אז ער"ח מנ"א זאל זיין א הוספה אין משפט - תורה, און אין צדקה, אפילו בערך ההוספה וואס איז געווען אין בין המצרים לגבי כל השנה.

און אע"פ אז די החלטה וועט אראפקומען בפועל ער"ח מנחם, איז אבער דורך דעם וואס מ'האט אנגענומען די החלטה לפניו"ז, ווערט שוין דעמולט אויפגעטאן די פעולה למעלה, און ס'איז אויך נמשך למטה, ווי ס'איז דער פירוש הפשוט אין תפלת דניאל (י, ב) און די מענה צו דניאל'ן, און ווי דער דין איז אויך אין שו"ע (או"ח הל' תענית סתקע"א ס"ג) בפשטות אז דאס ווערט אויך נמשך למטה פונקט ווי ס'וואלט שוין אפגעטאן געווארן די פעולה בפועל.

פארוואס איז דאס טאקע אזוי? - איז דאך איינער פון די ביאורים בזה, אז וויבאלד ביי דעם אויבערשטן איז עבר הוה און עתיד ביחד, איז וויבאלד אז די מחשבה טובה איז געווען בפועל, און בעתיד איז דא די מעשה בפועל, און דער שכר היינגט דאך אפ אן דעם אויבערשטן, וואס ער איז משלם דעם שכר טוב, און אתה תשלם לאיש במעשהו (תהלים סב, יג) דוקא, איז ער מצרף די מעשה וואס וועט זיין שפעטער, צו די מחשבה בעת ס'איז שוין דא די מחשבה, במילא קומט שוין דעמולט ארויס דער שכר בפועל.

וואס אזוי איז אויך בנוגע לעניננו, אז וויבאלד די מחשבה טובה איז געווען בעת ההחלטה, כמה ימים לפני המעשה, איז אע"פ וואס די מעשה בפועל וועט ערשט קומען לאחרי כמה זמן, איז דער אויבערשטער איר מצרף צו דער מחשבה אין זמן המתשבה, און אט דעמולט טוט זיך אויף דער שכר, וויבאלד אז ס'איז דא די מחשבה מיט דער מעשה ביחד, וואס דעמולט איז דאך דאס שלימות אין שכר, סיי דער גוף און סיי די נשמה, וואס זיי זיינען דאך לעומת פון דער מחשבה מיט דער מעשה.

אבער לאידך גיסא איז דאך דער אלטער רבי מדייק אין תניא (פט"ז), אז דער לשון איז ניט אז מחשבה טובה קומט במקום מעשה, נאר אז ער איז איר מצרף צו מעשה, ד.ה. אז ס'דארף זיין א מעשה, נאר ס'קען זיין די מחשבה באזונדער און די מעשה באזונדער, איז דער אויבערשטער מצרף די מעשה מיט דער מחשבה צוזאמען, אז דאס ווערט איין זאך, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אויך בעניניגו אז מ'דארף אויך האבן די מעשה בפועל.

און אע"פ אז די יממה פון ער"ח האט דאך אין זיך פיר און צוואנציק שעה, מיט די תוספות לפני' ולאחרי', איז דאך אין דערויף גופא פארשטאנדיק - וויבאלד ס'רעדט זיך אז ניט נאר יפה שעה אחת קודם, נאר אז יפה רגע אחד קודם - אז בער"ח מנחם גופא, איז ההקדם ישובח, אפילו רגע אחד קודם.

וואס דערפאר איז וויבאלד אז מ'טומלט און מ'לאזט ניט שלאפן און מ'פארלאנגט און מ'בעט, און נאכאמאל וכמה פעמים, דארף מען דאך עכ"פ טאן את התלוי בו, אז גלייך בהתחלת ער"ח מנחם זאל זיין אן ענין פון תורה און אויך אן ענין פון צדקה, וואס אע"פ וואס לילה לאו זמן צדקה הוא (נסמן בלקו"ש ח"ט ע' 292 ואילך), איז אבער בשעת ס'איז דא די מחשבה און (דאס קומט אראפ אין) דיבור בנוגע צו נתינת הצדקה אין עיקר זמנה, וואס דאס איז בבוקר און אויך אחרי הצהרים, איז דעמולט ווערט גלייך די מחשבה טובה, עאכו"כ דער דיבור טוב, מצורף מיט מעשה הצדקה וואס מ'וועט טאן בעיקר זמנה (וואס דאס איז (באמור) בבוקר ולאחרי הצהרים), טוט דאס אויף אלע פעולות אזוי ווי ס'איז געווען די מחשבה

- און -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 526 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דער דיבור און די מעשה באותה הלילה;

און דא איז דאך ניטא דער טעם אויף דעם וואס מ'זאגט אז צדקה איז לאו זמנה בלילה וכו', ווייבאלד אז ביי אים איז דאס במחשבה ובדיבור, ניט אין דעם ארט וואו ס'געפינט זיך דער עני -

וואס דוקא אויף דעם איז רער עניך פון לא תשיג גבול רעך, ווי ער ברייננט אראפ אין ירושלמי אין שקלים (פ"ה ה"ד) בנוגע צו דעם ענין.

[ו]ואס דערפון נעמט זיך דאך דער חילוק בנוגע צו צדקה צווישן לילה און בוקר - אויב דאס איז א צדקה וואס ער גיט אין א קופת צדקה, משא"כ ווען אן עני איז בא ומבקש, איז דעמולט כל היום כולו זמנה הוא, וואס דעמולט איז דאס ניט נאר דער ענין פון מ"ע, נאר דער עיקר איז גאר דער ענין פון לא תקפוץ את ידך (ראה טו, ז), וואס דאס איז בשוה ביום ובלילה. וכמבואר ומדובר (און שוין אויך געדרוקט (לקו"ש ח"ט שם)) כמ"[פ]

אזוי אויך בנוגע ללימוד התורה האט מען דאך גערעדט אז ס'זאל זיין דער לימוד בעניני ביהמ"ק, סיי אין תושב"כ וואס דאס געפינט מען אין יחזקאל בכו"כ סימנים, ובפרט אין די פסוקים וואס דארטן שטייט בדיוק "אתה בן אדם הגד את בית ישראל את הבית" (יחזקאל מג, י), און דערנאך חזר'ט ער איבער נאכאמאל אז מ'זאל זאגן די פרטים בדבר - מוצאיו ומובאיו, און דערנאך ווערט איבערגע'חזר'ט נאכאמאל זאת תורת הבית (שם, יב).

עד"ז אויך אין תושבע"פ בכמה מקומות, ובמיוחד אין מס' מדות [פ]ונקט אזוי ווי אין הושב"כ רעדט זיך דאך וועגן בנין בית המקדש ומשכן בכ"מ, אבער בעיקר, בנוגע לביהמ"ק השלישי איז דאס אין יחזקאל, עד"ז בנוגע תושבע"פ רעדט זיך בענין זה בכ"מ, אבער בעיקר רעדט זיך וועגן דעם אין מס' מדות[,] וואס כשמה כן ענינה, די מדות פון מוצאיו ומובאיו פון ביהמ"ק, וואס מעין זה וועט זיין דער ביהמ"ק השלישי, ווי דער רמב"ם (בהקדמתו לפיהמ"ש) זאגט, און דער תוי"ט (בפתיחה למס' מדות) איז מאריך בזה.

יעדער ענין דארף דאך ארויסקומען פון מחשבה אין מעשה, וואס בנוגע צו תורה איז דאך אויך דא דער ענין ווי מ'האט אים אין פלפולא און שקו"ט דאורייתא, און דערנאך איז דא ווי דאס קומט ארויס לאסוקי שמעתא אליבא דהילכתא (יומא כו, א), וואס דאס איז ווי דער ענין שטייט אין תושבע"פ הלכה למעשה.

וואס הלכה למעשה לערנט מען דאך ניט אפ פון תושב"כ, אפילו ניט פון משנה, ואדרבה, די וואס לערנען אפ פון משנה זיינען מבלי עולם (סוטה כב, א), ובימינו אפילו ניט פון גמרא, נאר מ'דארף קוקן אין פוסקים - קוקט מען אין אט די פוסקים וואס זיינען זיך עוסק אין פסקי דינים בנוגע צו ביהמ"ק, געפינט מען דאס אין רמב"ם, אין הלכות ביהב"ח, וואס דאס איז מוקדש ומיוחד און דארטן זיינען מפורש די הלכות פון ביהמ"ק השלישי בעיקרו.

זאע"פ וואס דארט רעדט זיך וועגן ביהמ"ק השני, און אין דערויף זאגט ער דאך די אלע פרטים, בשעת אבער מ'לערנט איצטער די הלכות, וואס דעמולט איז דאך ווי ער זאגט אין מדרש תנחומא אין פרשה צו (יד.) אין אייך המשך דערמיט וואס ער איז מפרש דעם פסוק זאת תורת העולה, אז דער דיוק איז תורת העולה, ד.ה. אז בשעת ער איז זיך עוסק אין תורת עולה, אין הלכות עולה, איז מעלה אני עליו כאילו הקריב עולה, זאגט ער בהמשך הענין (לפני"ז) אז דאס איז געווען די נבואת יחזקאל, אז הגד את בית

- ישראל -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 527 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה



ישראל את הבית, האט יחזקאל געפרעגט: מ'געפינט זיך דאך אין זמן הגלות, זאל מען אפשר צו ווארטן ביז וואנענט מ'וועט ארויס פון גלות און דעמולט וועט מען לערנען תורת הבית, האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, אדרבה, צי דערפאר וואס מ'געפינט זיך אין גלות יהי' בנין ביתי בטל? נאר וואס דען - זאל מען זיך עוסק זיין אין תורת הבית, ואני מעלה עליהם כאילו הם עוסקים בבנין הבית, ווי ער איז מסיים אין פסוק "ועשו אותם".

וואס דאס איז דער ענין פון לימוד פון הלכה למעשה - ווארום אז מ'לערנט איצטער, וואס דעמולט איז דאך כאילו בנו, גייט דאך דאס ניט אויפן ביהמ"ק השני, הראשון, אדער משכן, נאר דאס גייט אויפן ביהמ"ק השלישי.

וואס אע"פ וואס די מדות מיט די פרטים וואס ער ברייננגט אין הלכות ביהב"ח און עד"ז אין מס' מדות, ועאכו"כ אין די כתובים פון מעשה המשכן וואס עס ווערן דאך ארפגעבראכט כמה לימודים מזה אין הל' ביהב"ח, אנהויבענדיק גלייך פון דער ערשטער הלכה, אז ער לערנט אפ אז מצוה לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו קרבנות, און ברייננגט אויף דערויף דעם פסוק "ועשו לי מקדש" (תרומה כה, ח), וואס דאס שטייט בנוגע צו דעם משכן רעדן זיך דאך וועגן בית שני און משכן - אעפ"כ וועט דאך דער ביהמ"ק השלישי זיין מעין פון די ענינים וואס זיינען געווען אין בית שני, ביז ווי אין משכן.

ואדרבה, בנוגע צום עיקר המשכן, וואס דאס איז דאך דער ענין הארון וכמדובר אין א פריערדיקע התוועדות (י"ג תמוז) אז דערפאר הויבט זיך אן מעשה המשכן מיט ועשו לי ארון, אע"פ וואס לפועל איז דאך דאס געווען אין קדשי קדשים, נאך דערויף ווי ס'איז דא קרשים און יריעות וכו' - איז דאך מסביר דער רמב"ן (ר"פ תרומה), אז דאס איז דערפאר וואס דאס איז דער עיקר המשכן, דער עיקר פון ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, געפינט מען אז אין בית שני איז געווען חסר חמשה דברים (יומא כא, ב) וואס צווישן זיי איז אויך דער ארון; אפילו אין בית ראשון, האט דאך יאשיהו גונז געווען דעם ארון (דה"ב לה, ג. הוריות יב, א), ובמילא איז דער ארון ניט געווען בגלוי כל זמן בית ראשון;

וועו איז ער אבער געווען בגלוי - כל זמן וואס ס'איז געווען דער משכן, און עד"ז דערנאך, כל זמן פון ביהמ"ק השלישי וואס ער איז דאך א נצחי, און דער ארון איז אויך א נצחי, במכש"כ וק"ו פון כל הכלים שעשה משה (ראה סוטה ט, ב), וואס זיי זיינען נצחיים, אבער אעפ"כ איז (כאמור) אין מקדש ראשון בגלוי ניט געווען דער ארון בסוף זמנו, ווארום גנזו יאשיהו, עאכו"כ במקדש שני; וואו שטייט ער בגלוי - שטייט ער אין משכן און אין מקדש השלישי, וואס דערפון זעט מען די שייכות מיוחדת פון דעם משכן מיט ביהמ"ק השלישי.

וואס דערפון איז אויך מובן בנוגע צו ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כל אחד ואחד (ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו ובכ"מ), וואס דאס איז דאך דער פי' אז יעדער איד איז א משכן ומקדש לו ית',

וואס דערפאר זיינען דאך אידן פאנאנדער געטיילט אין שלשה סוגים, בדוגמא ווי דער רמב"ם זאגט אין הל' ביהב"ח (פ"א ה"ה) אז די ענינים עקריים וואס דארפן זיין אין ביהמ"ק איז, אז ס'איז דא שלשה מדורים: קודש הקדשים, קודש, און די עזרה,

- עד"ז -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 528 הודפס ע"י אוצר החכמה

עד"ז איז דאך אויך דא ביי יעדער איד די ענינים פון ראש און גוף ורגל, ובכמה וכמה פרטים, וואס ס'ווערט פאנאנדערגעטיילט אויף דריי: פנימיות דפנימיות, און פנימיות, און חצוניות, מיט פארשידענע תוארים, פארשידענע דרגות, וואס פון זיי זעט מען אז ס'ווערט פאנאנדער-געטיילט אין דריי - חדר לפנים מחדר, קדושה לפנים מקדושה.

וואס דערפאר האט א איד אין זיך דעם ארון, וואס דאס שטייט אין זיין קודש הקדשים, וואס דאס איז די פנימיות דפנימיות שבלב, ווי ער איז מבאר אין לקו"ת (תצא לו, א) אז אין פנימיות הלב זיינען דא צוויי מדריגות, און ער ברייננט אויף דערויף א ראי' אז ס'איז דא ניט נאר פנימיות הלב נאר אויך פנימיות דפנימיות.

און אויף דעם זאגט מען אז אפי' בשעת החטא היתה באמנה אתו, אז דאס איז אן ענין נצחי, ווארום דאס איז דער משה שבכל אחד - זכרו תורת משה עבדי (מלאכי ג, כב), וואס ענינו איז דער ארון והלוחות אשר בו און די ס"ת שמצד הארון (ב"ב יד, א), וואס דאס איז ביי א אידן אלע מאל גאנץ, דער אונטערשייד איז נאר אז ס'איז דא א זמן ווען ס'שטייט בגלוי, און ס'איז דא ווען ס'שטייט אין אופן פון גנזו יאשיהו:

בזמן המשכן, וואס דעמולט איז געווען דער דור דעה, און ווי ער איז מבאר אין כתבי האריז"ל (ע"ח שער ל"ב פ"א. שער ל"ח פ"ו) אז זיי זיינען געווען בדרגא פון משה רבנו, וואס דערפאר האט ער געזאגט "העם אשר אנכי בקרבו" - דער גאנצער דור איז געווען דור דעה אזוי ווי משה רבנו וואס ענינו איז דעת עליון,

עד"ז אויך לע"ל וואס דעמולט וועט דאך זיין "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי' יג, ב), אז ניט נאר ומלתם את ערלת לבבכם (עקב י, טז), נאר אויך ומל ה' אלקיך (נצבים ל, ו) - אויך די קליפה דקה (אגה"ק ס"ד), אז ס'וועט זיין אויך דער גילוי פון פנימיות הלב, און פנימיות דפנימיות הלב, איז דאס איז די צוויי תקופות וואס דעמולט שטייט דער ארון בגלוי - משא"כ וכו', אבער אלע מאל איז ער בשלימות, אפילו בשעת החטא מלשון חסרון (לקו"ת מסות פב, א), אפילו בשעת אזא מין חטא פון גלינו מארצנו אין דעם זמן הגלות.

וואס דער כח אויף דערויף הויבט זיך אן פון מדבר, וואס דאס איז אויך וואס מ'זעט אין רמב"ם אין הל' ביהב"ח (פ"א הי"ב) אז בשעת ער זאגט אז מ'לערנט דאס אפ פון משכן, זאגט ער דעם לשון "מקדש המדבר", וואס לכאו' וואס איז דא דער דיוק דוקא מדבר? איז דאך ידוע אז דער רמב"ם האט ארויס געגעבן ברמז כמה ענינים פון קבלה, ועד"ז דא, אז דער ענין פון ארון און פון תורה און פון פנימיות דפנימיות הלב, נעמט זיך דאס פון מדבר שבנשמה, וואס דאס איז העכער פון אדם שבנשמה.

כמדובר כמ"פ אז בכללות איז דא די עבודה פון בכל לבבך - אין מדוה"ג, און דערנאך איז דא נאך העכער דערפון, וואס דאס איז בכל מאדך, וואס דאס שטעלט זיך צוזאמען פון די זעלבע אותיות פון אדם נאר בצירוף אחר (וככה תרל"ז פ"כ), אז דער צירוף פון אדם איז אן ענין שבמדוה"ג, און מיט א סדר: ס'הויבט זיך אן פון אן אל"ף וואס דאס באווייזט אויף מחשבה, דערנאך גייט א דל"ת וואס דאס איז ר"ת דיבור, דערנאך קומט א מ"ם וואס דאס איז ר"ת מעשה, כמובא בכמה ספרים (אוה"ת בראשית תתר"ל),

- משא"כ -

הנחת הת' בלחי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 529 הודפס ע"י אוצר החכמה

משא"כ בשעת ער שטעלט זיך אוועק העכער פון ציור אדם, וואס דאס איז מדבר דקדושה, דעמולט איז דאס דער צירוף פון מאוד, אז ס'הויבט זיך אן מיט א מ"ס וואס דאס איז דער ענין המעשה, וואס דוקא דארטן זעט מען דעם ענין פון מס"נ, און דוקא דארטן דריקט זיך אויס דער אין ערוך פון למעלה - בעוה"ז הגשמי, און אויך דער אי"ע וואס ביי אידן, און דאס קומט אראפ אין מעשה, אויך מעשה מלשון כפי' (ד"ה ועבדי דוד תרצ"ט), אז ער גייט אוועק מארצך וממולדתך ומבית אביך, און ער מאכט זיך איבער - פריער דער ענין פון אתכפיא, און דערנאך ווערט אתהפכא.

ביז וואנעט אז ס'ווערט "והפכתי אבלם לששון" (ירמי' לא, יב), אז ער מאכט אויף פון מעשה וואס קודם עבודת האדם איז דאס א טייל פון עולם מלשון העלם והסתר (לקו"ת שלח לז, ד) - דיבור איז דאך א זאך וואס נעמט זיך פון הבל הלב של האדם (אגה"ת פ"ד), עאכו"כ מחשבתו של אדם, אבער מעשה איז דאך א זאך וואס (אין אדם גופא) איז פארבונדן מיט כח האחרון שלו, מיט כח העשי', וואס אין דערויף גלייכט ער זיך אויס ניט נאר סתם מיט א בהמה, נאר מיט רגל שבבהמה,

און כדי אז דער כח העשי' זאל ארויס קומען בגלוי, מוז דאס זיין פארבונדן מיט א דבר גשמי פון עניני העולם.

און דארטן דארף ער אנקומען צו מס"נ, און דארטן האט ער טאקע מס"נ, און דאס ברייננגט ביי אים ארויס דעם ענין המס"נ, וואס דאס איז דא אלע מאל בשלימות ביי א אידן, גלייך ווי ער ווערט געבארן, דאס קומט אבער ארויס בגלוי לאחרי הירידה למטה אין עולם התחתון שאין תחתון למטה ממנו, וואס ער ווערט אנגערופן עולם העשי' - מלשון מעשה, און דוקא דא האט ער דעם אי"ע דלמעלה און דעם אי"ע שבנשמתו.

און ער גייט אין דעם "והפכתי" פון העלם והסתר פון עולם, און ער מאכט דערפון אז ס'זאל נתגלה ווערן דער העלם והסתר דלמעלה, דער ישת חושך סתרו, און דאס זאל שטיין בגילוי ווי ס'איז שייך זאגן גילוי אויף דעם סתרו שלמעלה, און דאס קומט אראפ למטה מעשרה טפחים.

ביז אין דעם עיקר הענין, אז ס'זאל זיין די גאולה האמיתית והשלימה פון דעם חושך כפול ומכופל פון די לעצטע רגעים פון גלות, און אין אן אופן אז לילה כיום יאיר (תהלים קלט, ג), ניט נאר ס'ווערט בטל דער חושך, נאר דער חושך אליין לייכט ווי דער יום, ביז אז ער לייכט ווי דער יום דלע"ל, וואס ער איז "שבעתים" (ישעי' ל, כו), מיט די אלע עילויים וואס זיינען דא אין די שבעתיים גופא, ביז אז מ'נעמט עצמות ומהות אליין, און ס'ווערט ישראל וקוב"ה כולא חד.

ב. מ'האט דאך ערשט גערעדט בנוגע צו די מעלה פון מעשה, וואס דערפאר אז מ'דארף באווייזן ווי א אדם - א איד בעבודתו, וואס אתם קרויים אדם (יבמות סא, א) - שטעלט ער זיך אוועק העכער למעלה פון דרגת אדם, ווערט אנגערופן די עבודה "בכל מאדך", איז דער ר"ת פון דעם ווארט - א מ"ס, וואס דאס באווייזט אויף מעשה.

וואס דערפאר איז אויך בהנוגע לעניננו, דאס וואס מ'האט גערעדט די מעלה פון תורה, וואס אויף דעם זאגט מען "ציון במשפט תפדה" (ישעי' א, כז), ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ (לקו"ת ר"פ דברים) אז דאס גייט אויף לימוד התורה, און ווי ער ברייננגט אראפ אין דעם מאמר דעם

- מאמר -

הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 530 הודפס ע"י אוצר החכמה

מאמר רז"ל (ויק"ר פ"ז, ג) אין כל הגליות הללו מתכנסות אלא בזכות המשניות שנאמר גם כי יתנו בגויים גו', אז בזכות המשניות וועט זיין קיבוץ גליות, וואס דאס איז דער לימוד התורה ווי דאס איז אין משנה - דער ענין פון א פס"ד הלכה למעשה.

עד"ז דאס וואס מ'האט אויך גערעדט אז דורך דעם וואס מ'וועט לערנען מסכת מדות, וועט זיין דער ענין ווי ער זאגט אין מדרש תנחומא (צו יד), אז דאס וואס ער זאגט אין יחזקאל (מג, י) "הגד את בית ישראל את הבית", וועט דעמולט זיין "ועשו אותם (שם יא) - אז דורך דערויף וואס זיי זיינען זיך עוסק אין תורת הבית, איז מעלה אני עליהם כאילו בבנינו הם עסוקים.

וואס אויף דערויף האט מען דאך גערעדט פריער (ש"פ מטו"מ) בארוכה, וואס דער רמב"ם זאגט אין פירוש המשניות (בהקדמה למס' מדות) אז דער ענין פון מסכת מדות איז מערניט ווי א סיפור דברים, וואס עפ"י הנ"ל איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: דער רמב"ם האט דאך געדארפט זאגן די העכערע זאך, אז ס'איז ניט נאר א סיפור דברים, נאר דאס איז כאילו בונה ביהמ"ק, בדוגמא ווי העוסק בתורת עולה?

האט מען מבאר געווען אויף דעם, וואס לכאו' לויט דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז דאס איז מערניט ווי א סיפור דברים, איז דאך די זעלבע קושיא דא אויך בנוגע צו כל סדר קדשים, וואס בזמן הרמב"ם און אפילו בזמן הגמרא, איז סדר קדשים ניט געווען אן ענין של פועל, ואדרבה, דעמולט איז געווען אסור להקריב קרבנות, איז דאך דאס מערניט ווי א סיפור דברים?

מוז מען זאגן אז דער רמב"ם שטעלט זיך נאר אויף דעם סגנון: וואס גאנץ סדר קדשים סיי די משנה און סיי די גמרא איז געזאגט געווארן אין א סגנון פון הלכה ולימוד והוראה, משא"כ מסכת מדות (און א חלק גדול פון מסכת תמיד) איז ארויס געגעבן געווארן אין א לשון וסגנון של סיפור.

וואס דערמיט ווערט פארענטפערט (בלא"ה) די קושיא גדולה: מסכת מדות איז דאך געזאגט געווארן (ברובה) בזמן שביהמ"ק השני הי' קיים, וואס דעמולט איז דאך דאס געווען נוגע להלכה למעשה, כדי אז אויב מ'דארף מתקן זיין דעם מקדש און כלי המקדש, זאל מען וויסן ווי מ'דארף זיי מתקן זיין, איז וואס זאגט דער רמב"ם אז דאס איז מערניט ווי א סיפור דברים?

און אפילו משחרב ביהמ"ק דערציילט ער דאך אין מדרש (ב"ר ספס"ד) אז בימי ר"י בן חנניא איז געווען א רשיון אויף בויען דעם ביהמ"ק, און די חכמים זיינען געגאנגען דאס טאן, נאר דערווייליע איז געווארן א גזירה חדשה אין מלכות רומי, וואס דערפאר איז דאס בטל געווארן (כמדובר שבת בארוכה), איז בשעת מ'איז געגאנגען בויען דעם ביהמ"ק האט מען דאך געדארפט האבן דעם "מיד ה' עלי השכיל" (דה"א כח, יט), וויסן ווי אזוי מ'דארף אים בויען, ווי דערציילט אין מסכת מדות, איז וואס זאגט דער רמב"ם אז דאס איז מערניט ווי א סיפור דברים?

נאר דער ביאור בזה איז כנ"ל, אז דער רמב"ם זאגט נאר אז דער סגנון פון מסכת מדות איז אנדערש פון דעם סגנון פון מסכת זבחים און מנחות וכו', ווארום מסכת מדות ווערט דערציילט אין א נוסח פון סיפור.

- און -

הנחת הת' בלהי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 531 הודפס ע"י אוצר החכמה

און ווי געבראכט אויך די דוגמא לזה, ווי מ'געפינט אויך אין הושב"כ וואס אע"פ אז כמה הלכות ודינים לערנט מען אפ פון ספר בראשית, אעפ"כ איז ספרי דבי רב, וואס ראס ווערט אנגערופן "הרג את הארי גו'" - איז דאס דוקא ספר ויקרא (ברכות יח, ב), משא"כ שמות און דברים, ועד"ז במדבר וואס ער ווערט אנגערופן ספר הפקודים, רערפאר וואס דארטן איז די הלכות מועטים, און דער עיקר ווערט דערציילט וועגן פקודי בנ"י - אין אן אופן של סיפור, איז אע"פ אז פון די כתובים וואס רעדן וועגן פקודי בנ"י לערנט מען אויך אפ כמה הלכות, עאכו"כ דרושי רז"ל עאכו"כ רמזים און סודות התורה,

איז אבער דא אן אונטערשיד בנוגע צו דעם סגנון, וואס וויבאלד אז דאס איז א סגנון אין תורה, וואס תורה איז דאך מדוייק בכל הפרטים, איז דאס גופא באווייזט אז ס'איז אן אונטערשיד פנימי צווישן א מסכת וואס ווערט ארויס געגעבן אין א לשון סיפור, מיט א מסכת וואס ווערט ארויס געגעבן אין א לשון וסגנון פון הלכה.

אע"פ אז אפי' פון מסכת מדות לערנט מען אפ הלכתא גברתא, און בשעת מ'האט געלערנט די מסכת בפעם הראשונה ופעם השני' וכו', איז דאס געווען נוגע לפועל, און אפי' משחרב ביהמ"ק, איז דאס אויך געווען נוגע לפועל - בשעת ס'איז געווען א רשיון פון מלכות רומי בויען דעם ביהמ"ק, האט מען געדארפט גיין בויען דעם ביהמ"ק, במילא זיינען די הלכות געווען נוגע לפועל, אעפ"כ איז דאס בעזאגט געווארן בסגנון של סיפור.

וואס כל ענינים אלו זיינען געווען דעמולט, בשעת ס'איז געווען אפר פרה, און ס'איז געווען תנאים, און ס'איז געווען סמיכה - סמוכין איש מפי איש עד משה רבינו וכו', משא"כ איצטער, ובפרט אין חושך כפול ומכופל, איז דא דער ענין פון ביהמ"ק בנוי למעלה, און ער וועט נתגלה ווערן מן השמים, ווי ער זאגט אין תנחומא (ס"פ פקודי) ובכמה מדרשים (זח"א כח, א. וראה רש"י ותוס' סוכה מא, סע"א), ד.ה. אז ביהמ"ק השלישי וועט זיין אין אן אופן פון "כוננו ידיך"; מקדש ראשון און מקדש שני וואס זיי זיינען געווען מעשה ידי אדם, זיינען זיי ניט געווען קיין נצחיים, משא"כ "מקדש ה' כוננו ידיך" - דער מקדש וואס איז בנוי בידי שמים, וועט דאס זיין אין אן אופן פון "כוננו" - א בנין נצחי שאין אחריו חורבן ח"ו.

וואס אע"פ אז דער רמב"ם זאגט אין הל' מלכים (רפי"א ובסופו) דעם לשון "יבנה ביהמ"ק במקומו", אז משיח וועט בויען דעם ביהמ"ק, קומט דאך אויס אז ס'וועט זיין מעשה ידי אדם - איז נוסף אויף כללות הענין (ווי גערעדט אמאל בארוכה (לקו"ש בלק תשל"ג הע' 36)) אז ס'איז דא א חילוק צווישן זכו ביז לא זכו, און איצטער זיינען אידן אין אן אופן פון זכו, ווארום ניט קוקנדיק אויפן חושך כפול ומכופל פון עולם און פון גלות, זיינען דאך אידן אויסגעלייטערט דורך יסורי הגלות, ובפרט בדורינו זה - פון אל יבוש מפני המלעיגים, איז דא דער זיכוך פון "זכו" בדרגא הכי עליונה, און בשעת ס'איז "זכו" - קומט משיח עם ענני שמיא, אע"פ וואס אויב לא זכו וואלט דאס געווען אין אן אופן פון עני ורוכב על החמור (סנהדרין צח, א);

וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו משיח'ן, עד"ז איז דאס אויך בנוגע צום מקדש, אז בשעת ס'איז זכו, איז דער ביהמ"ק יורד בנוי מלמעלה -

- איז -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 532 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז נוסף לזה - וויבאלד אז אלו ואלו דא"ח, און ס'איז דאך ניט שייך צו זאגן אז ס'איז א פלוגתא אין א מציאות, האט מען דאך דאס מסביר געווען לויט ווי אחרונים פארענטפערן דאס (ס'איז שוין בעדרוקט אין ספר שערי זהר (לסוכה מא, א) פון הרב מרגליות, וואס יעדער קען דארטן א קוק טאן אויף דעם מקור);

וואס ער ברייננגט דארטן דאס וואס ס'שטייט אין פסוק "טבעו בארץ שערי'" (איכה ב, ט), אז די שערים פון ביהמ"ק זיינען נטבע געווארן בארץ (במדב"ר פט"ו, יג), און אוה"ע האבן אין דערויף ניט געהאט קיין שליטה, פרעגן אויף דערויף די אחרונים, וויבאלד אז דער ביהמ"ק וועט זיין א בנין וואס איז בנוי בידי שמים, איז וואס איז דער חידוש און דער נס פון טבעו בארץ שערי'?

איז ער דאס מבאר לויט די דעה אז ביהמ"ק השלישי וועט זיין בנוי בידי שמים (ער איז שוין בנוי, נאר דערנאך וועט ער יורד זיין מלמעלה למטה); דארף מען דאך אבער האבן אז אידן זאלן האבן אין דערויף אן אחיזה און א שליטה אז דאס זאל הייסן זייער ביהמ"ק,

איז דא דער דין וואס די גמרא זאגט אין ב"ב (נג, ב) אז דער וואס ער איז בונה פלטרין גדולים (ער האט אופגעבויעט א גרויסן פאלאץ) בנכסי הגר, ובא אחר והעמיד להן דלתות (א צווייטער האט אוועק געשטעלט די טירן), קנה האחר, און דער ערשטער האט ניט קונה געווען, וויבאלד אז ער האט דאס געבויעט אין נכסי הגר, אע"פ אז ער האט אויפגעבויעט פלטרין גדולים - ווער איז דאס אבער קונה - דער וואס שטעלט אוועק די טירן.

ועד"ז בנוגע צום ביהמ"ק, אז לע"ל וועט דאך זיין דער ביהמ"ק השלישי וואס ער וועט קומען מלמעלה א בנוי, אבער די שערים וועלן אוועק געשטעלט ווערן דורך אידן, וואס זיי האבן אויפגעבויעט די שערים נאך בזמן ביהמ"ק השני, און די שערים וועט מען צושטעלן צום ביהמ"ק השלישי, איז וויבאלד אז הציב דלתי', האבן אידן קונה געווען די גאנצע פלטרין גדולים, וואס ע"כ איז ווי דער ענין שטייט אין אחרונים (וראה לקו"ש חי"א ע' 98 הע' 61).

און דא קומט צו א געשמאקע זאך, לויט די אריכות וואס איז דא אין דעם אין רמב"ם, און דערמיט ווערן פארענטפערט כמה שאלות:

לכאו' איז ניט פארשטאנדיק ווי לייגט זיך צו זאגן אז בשעת איינער האט אויפגעשטעלט פלטרין גדולים, און האט אויפגעשטעלט די אינעווייניקסטע טירן, און האט אויפגעשטעלט אלע עדליי ענינים, ס'איז מערניט אז די שערים און די דלהות החיצונים האט ער ניט אויפגעשטעלט, נאר א צווייטער האט דאס אויפגעשטעלט - איז דער וואס האט געבויט די גאנצע פלטרין, האט גארניט, און דער אחר וואס ער האט אויפגעשטעלט נאר די טירן, האט ער איינגאנצן?

איז דער רמב"ם (הל' זכי' ומתנה פ"ב ה"ט) מסביר בארוכה דעם לשון הגמ', פארוואס האט דער ערשטער ניט קונה געווען - דערפאר וואס "לבני בעלמא הוא דאפוך", ער האט מערניט ווי צוזאמען געשטעלט א סאך ציגל צוזאמען אין אזא מין ציור, "והרי הוא כמי שעשה גל אבנים על הארץ שאינו קונה".

ברייננגען אראפ מפרשי הרמב"ם (מ"מ) דעם דשב"א בשם דעם רמב"ם'ס רבי - ר' יוסף אבן מיגש (וואס דער רמב"ם שרייבט אויף אים אז לבו

- כלב -



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 533 הודפס ע"י אוצר החכמה

כלב הארי, מיט א געוואלדיקן טיטול אפי' בערך צום רמב"ם'ס קאפ (ראה הקדמה הרמב"ם לפיהמ"ש ד"ה ובשהשלים)), אז בבה דברים אמורים אז דער ערשטער האט ניט קונה געווען, דוקא אז ער האט ניט געגראבן די יסודות בקרקע, און ער האט דערפון ניט געמאכט קיין מקום ראוי פאר זיך אדער פאר צאנו ובקרו, איז וויבאלד אז אין קרקע האט ער גארניט געטאן, און א חדר צי א מחיצה פאר צאנו ובקרו וב"ב האט ער ניט געמאכט (דאס האט געטאן דער אחר), דערפאר איז קונה דער אחר, משא"כ אבער אויב ער גראבט די יסודות בארץ, איז דאס ניט ערגער ווי ניר בארץ (אזוי ווי ער וואלט געאקערט אין א פעלד) וואס ער איז קונה מיטן ניר אליין, און ער דארף גארניט אנקומען צו די פלטרין גדולים.

פרעגט מען אבער די שאלה, די ציגל געהערט דאך צו דעם ערשטן, און די אלע ענינים וואס זיינען דא אין די פלטרין של מלך - די רהיטים און אלץ וואס געפינט זיך דארטן, געהערט דאך דאס צום ערשטן, איז פארוואס האט דאס קונה געווען דער אחר?

איז דער תירוץ אויף דעם, וויבאלד אז ער האט דאס געבויעט און האט דאס אוועק בעשטעלט אין נכסי הגר, וואס נכסי הגר זיינען דאך הפקר, און דארטן לייגט ער אוועק זיינע ציגל מיט זיינע רהיטים מיט זיינע כלים, האט ער דאס מפקיר געווען צו די נכסי הגר (מ"מ שם). וואס דאס איז דער ביאור פון דעם רמב"ם רבי, און דאס שטייט בקיצור אין לשון הרמב"ם "שהראשון לא עשה בגוף הארץ כלום וכו'".

און דא זעט מען ווי אזוי דאס איז צוגעפאסט דוקא צום ביהמ"ק השלישי וואס ער איז בנוי בשמים:

ס'איז דא א תנאי בנוגע צום ביהמ"ק ועד"ז בנוגע צום משכן, אז ס'דארף זיין זהב גשמי, קרשים אדער אבנים גשמיים, דערנאך איז דער דין אין ביהמ"ק, אז ווען קען מען מקריב זיין קרבנות - דוקא ווען ער איז קבוע בארץ, אבער אויב דער ביהמ"ק איז תלוי באויר, אדער אפי' ווען ער איז ניט תלוי באויר, נאר דער מזבח איז תלוי באויר, און אפי' אז איין אבן פון עזרה איז תלוי באויר, ס'איז דא אויר צווישן דעם אבן מיטן קרקע שלמטה הימנו, איז ווי גערעדט פריער (ש"פ חו"ב י"ב תמוז) וואס די גמרא זאגט אין זבחים (כד, א), אז דאס איז א חציצה און אויב דער כהן האט געטאן אן עבודה על אבן זה, איז דאס ניט קיין עבודה (ראב"ד הל' ביהב"ח פ"א ה"י).

במילא קומט דאך אויס אז כל זמן דער ביהמ"ק השלישי געפינט זיך למעלה, קען ער ניט אריינגערעכנט ווערן אלס א ביהמ"ק, אפי' ווען ער שטייט אין א ציור פון כסף וזהב גשמי, און קרשים ואבנים גשמיים וכו', איז כל זמן וואס ער געפינט זיך למעלה, קען מען אים נאך ניט נוצן אלץ ביהמ"ק - ער דארף אראפ קומען למטה,

און למטה גופא, בשעת ער שטייט ניט נאר למעלה מעשרה טפחים, אפי' אויב ער שטייט למטה מעשרה טפחים, ס'איז אבער דא א הפסק פון אויר צווישן דעם ביהמ"ק השלישי מיטן קרקע פון עוה"ז הגשמי, קען מען ניט מקריב זיין קרבנות דארטן (וואס דאס איז דער עיקר ענין פון בית הבחירה ווי ער זאגט אין תחילה פון הל' בית הבחירה) - ער מוז שטיין על הקרקע.

וואס די קרקע מצ"ע איז דאך א קרקע של הפקר, ווארום ירושלים לא נתחלקה לשבטים (מגילה כו, א), עאכו"כ ווען "מפני חטאינו גלינו

- מארצנו" -

הנחת הת' בלתי מוגה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 534 הודפס ע"י אוצר החכמה

מארצנו", און ס'איז דא כמה ענינים וואס עפ"י דין האבן עכו"ם דארטן וואס צו זאגן, [וואס דערפאר איז דאך דא די פלוגתא צי יש קנין לעכו"ם בא"י להפקיע מידי מעשר (גיטין מז, א), און דערפאר איז דא דער איסור פון "לא תחנם" (ואתחנן ז, ב) - לא תתן להם חני' בארץ (רש"י עה"פ. ע"ז כ, א), וואס דערפון גופא איז דאך א הוכחה אז אויב ער איז משכיר בית צו א גוי, ער לאזט אים ארייך אין ירושלים, אדער ער גיט אים א חני' אפי' בכל א"י, איז ער עובר אויף "לא תחנם", דערפאר וואס ער האט אים געגעבן חני' בארץ];

איז, טאקע דא א ביהמ"ק, און א ביהמ"ק מיט אלע פרטים, אבער כדי ער זאל ווערן א ביהמ"ק לויט תפקידו, וואס דער תפקיד פון ביהמ"ק איז דאך לעשות בית ראוי להקריב בו קרבנות - מוז ער שטיין על הקרקע,

און וויבאלד אז די קרקע איז נכסי הגר, איז אע"פ אז דאס איז טאקע פלטרין גדולים, וויבאלד אבער אז ער האט גארניט ניט געטאן אין יסודות הקרקע, נאר ס'איז אראפ געגאנגען בנוי ושלם מלמעלה (און דאס וואס ער האט געמאכט א מחיצה לביתו ולבקרו וצאנו, האט דאס ניט קיין שייכות צו ביהמ"ק, ווארום ביהמ"ק דארף זיין ראוי להקריב בו קרבנות), איז דאס ניט ראוי להקריב בו קרבנות, וויבאלד אז די קרקע איז נכסי הגר, נאר דאס דארף געהערן צו אידן;

איז בשעת א איד שטעלט אוועק די שערים מיט די דלתות, וואס דאס איז מעשה ידי אדם, זיינען דאס אידן קונה, וויבאלד אז דער ראשון לא הפר יסודות הבית בקרקע (כביכול), ווארום דער ביהמ"ק השלישי גראבט ניט קיין יסודות בקרקע, ער שטייט פארטיקערהייד למעלה, איז בשעת ער איז יורד למטה איז דאס ניט א מקום להקריב בו קרבנות, דערפאר וואס דאס איז בנכסי הגר - דוקא בשעת אידן קומען צו גיין, און שטעלן אויף די טבעו בארץ שערי' - מ'שטעלט אויף די דלתות, דעמולט זיינען זיי קונה די פלטרין גדולים מיט אלע פרטים וואס זיינען דא אין די פלטרין, און ס'ווערט אלץ זייערער.

וואס דערפאר איז דער דין פארבונדן במיוחד דוקא מיט די פרטים וואס ר' יוסף אבן מיגש זאגט, אז לא חפר יסודות בקרקע, און לא עשה מקום ראוי פאר ביתו וצאנו, איז וויבאלד אז ער שטייט אין נכסי הגר, איז אינו ראוי להקריב בו קרבנות, וואס דערפאר דארף מען אנקומען צו מעשה ידי אדם - העמדת השערים.

און פונקט ווי בא מקדש ראשון האט דוד געדארפט פריער אפקויפן די קרקע בא ארוונה (שמואל ב' כד, כד), און דערמיט איז דאס געווארן שייך צו די שבטים דא למטה, עד"ז אין דעם מקדש שבמדבר - דער משכן, האט געדארפט זיין זהב וכסף ונחושת פון כל נדיב לב, און דערפון האט מען אויפגעשטעלט דעם מקדש שבמדבר, ועד"ז בביהמ"ק השני - איז עד"ז מובן אויך בנוגע צו ביהמ"ק השלישי.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז דאס וואס ס'רעדט זיך וועגן דעם לימוד פון בנין ביהמ"ק, איז ח"ו אז דערפון זאל ביי איינעם זיין א קס"ד און א מחשבה פסולה אז דאס וואס מ'רעדט וועגן דעם, איז דאס דערפאר וואס איצטער איז מען ראוי און מ'קען גיין בויען דעם ביהמ"ק - דאס איז ניט בכח בני אדם, מ'דארף האבן דעם ביהמ"ק השלישי אין אן אופן פון "מקדש ה' כוננו ידיך".

- פונקט -

הנהה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 535 הודפס ע"י אוצר החכמה

פונקט ווי בנוגע צו סנהדרין זאגט מען "ואשיבה שופטיך כבראשונה" (ישעי' א, כו) - ואשיבה דוקא, אז דאס איז פארבונדן מיט ביאת משיח צדקינו (ראה לקו"ש ח"ס ע' 105), ער"ז בנוגע צו יבנה ביהמ"ק, אפי' אין דעם פרט פון להציב דלתות, אדער לויט די וואס ווילן האבן דוקא אז ס'זאל זיין בנוי אינגאנצן דורך בני אדם - איז דער פס"ד ברור אז דאס וועט בויען משיח צדקינו, נאך דערויף וואס ילחום מלחמת ה' וינצח, וואס דאס וועט זיין נאך דעדויף וואס יכוף כל ישראל ללכת בדרכה ולחזק בדקה, און ערשט דערנאך וועט זיין ויקבץ נדחי ישראל.

אעפ"כ שטורעמט מען אז מ'זאל לערנען דוקא מסכת מדות, און הל' ביהב"ח, ביז ווי די ענינים שטייען אין תושב"כ, אין די פרקים אין יחזקאל וואס דארטן זאגט ער "הגד את בית ישראל את הבית" - ווארום דאס מיינט מען דעם חלק וואס אידן דארפן טאן אין דערויף, וואס ע"ד ווי מ'זאגט אויף זאת תורת העולה אז כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, עד"ז איז דאס בנוגע צו זאת תורת הבית, אז דורך דעם לימוד אין תורת הבית איז מעלה אני עליהם כאילו בבנינו הם עסוקים.

אבער לאידך, אזוי ווי ס'איז אן איסור חמור צו מקריב זיין קדשים איצטער אפי' אין א"י, ווער רעדט נאך אין חו"ל, און אפי' אין א"י, אע"פ וואס מקריבין כשאין בית (זבחים סב, א), איז דאך דאס פארבונדן מיט כו"כ תנאים, און אויב זיי זיינען ניטא, איז דאס אן איסור חמור, ביז צו אן עונש פון היפך החיים, ניט סתם עפעס אן עונש, עד"ז בנוגע צו בנין ביהמ"ק, ועד"ז בנוגע צו "ואשיבה שופטיך כבראשונה" - די מחשבה פסולה פון א סנהדרין וכו', ווארום דאס איז א זאך וואס וועט אויפגעטאן ווערן ווען שכינה חוזרת לטברי' (ראה ר"ה לא, ב. רמב"ם הל' סנהדרין פי"ד הי"ב), און דערנאך וועט זיין "ואשיבה שופטיך כבראשונה צוזאמען מיט ביאת משיח צדקינו. עאכו"כ בהנוגע צו בנין ביהמ"ק איז דא א פס"ד ברור אין רמב"ם צוויי מאל - וואס דער רמב"ם איז דאך אויס-גערעכנט מיט יעדער ווארט, אעפ"כ בנוגע צו דעם פס"ד אז בנין ביהמ"ק און קיבוץ גליות וועלן געטאן ווערן דורך משיח צדקינו - שרייבט ער דאס צוויי מאל אין הלכות מלכים אין דעם זעלבן פרק, סיי בתחילת הפרק סיי בסיום וחותם הפרק, בסיום ספרו יד החזקה, ווי געדעדט כמה פעמים.

אעפ"כ ווי אזוי איז מען ממהר אז ס'זאל זיין "אחישנה", אז דער ביהמ"ק השלישי וואס ער איז בנוי בשמים, זאל יורד זיין למטה, וואס דעמולט וועט זיין הצבת הדלתות ע"י בני אדם, ובמיוחד ע"י משיח צדקינו - איז כדי צו ממהר זיין דעם ענין, דארף מען האבן דעם זאת תורת הבית - עוסק זיין זיך אין תורת הבית, וואס דעמולט זאגט דער אויבערשטער הואיל ואתם מתעסקים בו, כאילו אתם בונים אותו (ויק"ר פ"ז, ג).

און דעמולט ווערט "ועשו אותם", אז ער איז שוין מצרף די מחשבה טובה מיט דער מעשה וואס וועט זיין דערנאך בביאת משיח צדקינו, אז די מחשבה קומט אראפ אין דיבור - אין לימוד ההלכות, וואס דיבור איז דאך א מעשה זוטא (סנהדרין סה, א).

וואס דורך דעם ווערן שוין אויפגעטאן די אלע ענינים, ובשעתא חדא וברגעא חדא קומט אראפ דער ביהמ"ק השלישי דא למטה, ובלשון הרמב"ם "מיד הן נגאלין", מיט אלע פרטים שבזה, ויבנה ביהמ"ק במקומו לויט די פירושים הנ"ל, ויקבץ נדחי ישראל, והיתה לה' המלוכה, ובעגלא דידן.

בנוגע צו הל' ביהב"ח אין רמב"ם, איז דא אן ענין וואס דערצו איז מען ניט משים לב: בשעת מ'הויבט אן לערנען הלכות ביהב"ח, הויבט

- מען -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 536 הודפס ע"י אוצר החכמה

מען אן גלייך פון פנים, אבער דאס וואס שטייט אין די שורות שלפנ"ז, אז ס'ווערט אנגערופן הל' בית הבחירה, און ס'האט אזוי פיל פרקים, און דאס זיינען די מצוות וואס ווערן דא דערמאנט - איז מען ניט משים לב לזה, וואס דאס איז דאך אויך פון דעם רמב"ם, ביז וואנעט דער פסוק וואס שטייט פאר די ווערטער ספר עבודה הל' ביהב"ח איז אויך פון רמב"ם.

וואס פאר א פסוק ברייינגט דא אראפ דער רמב"ם - איז דאס דער פסוק "שאלו שלום ירושלים ישליו אהביך" (תהלים קכב, ו), און דערנאך זאגט ער אז דאך איז ספר עבודה, און הל' ביהב"ח מיט אלע פרטים. וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס איז דער קשר צווישן הל' ביהב"ח מיט דעם פסוק; אין פסוק שטייט דאך "שאלו שלום ירושלים", און דערנאך הויבט ער אן רעדן וועגן ביהב"ח (ניט וועגן גאנץ ירושלים)?

איז דער ביאור בזה, אז דער רמב"ם גייט לשיטתו: אין משנה (רפ"ד דר"ה) שטייט אז יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת, במקדש היו תוקעין אבל לא במדינה, טייטשט אפ דער רמב"ם (בפיהמ"ש) "מקדש תקרא ירושלים כולה", וואס דערפון זעט מען אז בלשון חכמים ווערט ירושלים אנגערופן בשם מקדש.

וואס אע"פ אז מ'געפינט דאך חילוקים צווישן לשון תורה און לשון חכמים, זעט מען אבער אין דעם ענין אז דער פסוק הויבט טאקע אן "עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים", "עיר שחברה לה יחדיו", וואס דאס איז דאך א זיכערע זאך אז מ'מיינט גאנץ ירושלים, און דערנאך זאגט ער "יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך" וואס דער ארמון אין ירושלים איז דאך דאס געווען דער ביהמ"ק, ועד"ז דאס וואס מ'זאגט "אדברה נא שלום בך", מיט די אלע יעודים וואס זיינען מקוים געווארן אין ירושלים, איז דאך דאס מצד דערויף וואס דארטן איז געווען דער ביהמ"ק, ועד"ז קען מען אויך מבאר זיין דאס וואס דער רמב"ם הויבט אן מיטן פסוק שאלו שלום ירושלים, אע"פ וואס דערנאך זאגט ער הלכות ביהב"ח.

די גמרא זאגט אין ר"ה (ל, א) אז דערפון וואס ס'שטייט "ציון היא דורש אין לה" (ירמי' ל, יז) לערנט מען אפ "מכלל דבעיא דרישה", וואס דערפאר דארף מען מאכן א זכר למקדש (ניט לירושלים), אע"פ אז אין פסוק שטייט "ציון", אעפ"כ לערנט אפ די גמרא דערפון אז מ'דארף מאכן א זכר למקדש (בדוגמא ווי מ'זאגט דא "שאלו שלום ירושלים" אלס א הקדמה צו הל' ביהב"ח, און ספר עבודה בכללותו, וואס דאס איז פארבונדן בעיקר מיט דעם ענין פון הקרבת הקרבנות, וואס דאס איז אלץ אין ביהמ"ק).

איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז די גמרא לערנט אפ דערפון וואס אין דורש לה מכלל דבעיא דרישה, אז מ'דארף מאכן א זכר למקדש, אע"פ אז אין פסוק שטייט "ציון" (ניט נאר דער ביהמ"ק), האט דאך דער רמב"ם אויך געקענט ברייינגען דעם פסוק אלס הקדמה צו הל' ביהב"ח?

איז דער ביאור אין דעם: פון דעם פסוק וואס די גמרא ברייינגט, איז נאר א ראי' אז ס'דארף זיין א זכר, ס'איז אבער ניט קיין ראי' אז ער דארף ליגן אין דעם ענין אויך אין די פרטים ופרטי פרטים, ס'איז מערניט וואס ס'דארף זיין דרישה לציון, איז דאס בדוגמא פון דרישת שלום, ועד"ד מ"ש "שלום אחיך ואת שלום הצאן" (וישב לז, יד) - ער האט געפרעגט בכללות וואס טוט זיך מיט זיי;

- משא"כ -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 537 הודפס ע"י אוצר החכמה

משא"כ דער פסוק "שאלו שלום ירושלים", וואס דער ענין פון שאלה איז דאך בדוגמא ווי ער זאגט נאך דערויף אז דאס איז פארבונדען מיט וויסן וואס ס'טוט זיך בחילך, און וואס ס'טוט זיך בארמנותיך, און וואס ס'טוט זיך ביט כבה פרטים וואס ער רעכנט אויס אין די פסוקים שלפנ"ז ולאח"ז - איז דאס אן ענין וואס איז פארבונדען מיט פרטי הדבר.

איז וויבאלד אז דער רמב"ם וויל דאך ברענגען א פסוק אלס א הקדמה צו לערנען פרטים פון הל' ביהב"ח, נים נאר אז מ'זאל וויסן בכללות אז ס'איז דא א מצוה לבנות בית (אדער ווי ער זאגט דערנאך בפנים לעשות בית) - דאס האט ער שוין דערמאנט אין מנין המצוות (אין די הקדמה צו ספר היד) און ער דערמאנט דאס דא אין די ערשטע צוויי שורות - נאר ער וויל האבן א פסוק וואס איז פארבונדען מיט די פרטים פון גאנץ הל' ביהב"ח, וואס דערפאר איז נים גענוג דער ענין פון אין דורש לה מכלל דבעיא דרישה, אז מ'וועט מאכן מערנים ווי א זכר למקדש, נאר דא דארף מען האבן דעם פסוק "שאלו שלום ירושלים", אז ס'זאל זיין מיט אלע פרטים און פרטי פרטים.

וואס דאס איז אויך האמור לעיל, אז ווען מ'לערנט הל' ביהב"ח, עד"ז די מקורות פון הל' ביהב"ח, וואס דאס איז דאך מיוסד אויף מסכת מדות, עד"ז וויבאלד אז ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא (ראה זח"ג רכא, א), וואס אפי' די פרטים שבזה זיינען אויך מרומז אין תושב"כ - אין די קפיטלאך פון יחזקאל, איז דעמולט מעלה אני עליהם כאילו עשו, ביז וואנעט אז ס'ווערט "ועשו אותם", און ס'ווערט דער "שאלו שלום ירושלים" מיט אלע פרטים ופרטי פרטים.

און דאס ווערט די הכנה קרובה ווי ער איז מסיים אין דעם מזמור אז ס'וועט זיין "ישליו אוהביך", און "יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך, למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך, למען בית ה' אלקינו גו'", וואס דא איז ער מדגיש אז דאס איז אלץ פארבונדען מיט בית ה' אלקינו - בנוגע צו ארמנותיך וואלט מען זיך נאך געקענט דינגען וואס דאס מיינט, ווי די גמרא (מגילה כז, א) זאגט אז בית גדול קען זיין בית המלך, אדער בית שמגדלים בו תורה, און אויך בית שמגדלים בו תפלה, אבער דא זאגט ער בפירוש "למען בית ה' אלקינו (דער ביהמ"ק) אבקשה טוב לך".

און דאס וועט זיין בקרוב ממש, ווי מ'איז מסיים אין סוף מסכת ברכות, און אויך יעדער טאג אין תפלה - "ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום", אז ס'וועט זיין "ונתתי שלום בארץ", און ונתתי שלום וואו נאר אידן געפינען זיך, און דאס וועט אראפ ברענגען דעם שלום ושלוה יהי' בימיו, בביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.

ג. בהנוגע צו דעם עיקר, וואס המעשה הוא העיקר, דאס וואס ס'האט זיך גערעדט כמ"פ, ובמיוחד אין דער התוועדות פון ש"ק שלפני"ז (פ' מסו"מ מבה"ח מנ"א), אז מ'זאל מהדר זיין און מדייק זיין און מפיץ זיין אין אן אופן אז כמה וכמה מהם יראו וכן יעשו, בנוגע צו ימי בין המצרים אז מ'זאל יעדער טאג מוסיף זיין אויף די שיעורים הרגילים אין לימוד התורה בכלל, ומה טוב אין לימוד התורה אין די ענינים און די הלכות וואס זיי זיינען פארבונדען מיט דער גאולה און מיט בנין ביהמ"ק כמדובר לעיל.

און פון ציון במשפט תפדה - אויך אין ושבי' בצדקה, מוסיף זיין אין צדקה, אז נוסף אויף נתינת צדקה וואס מ'גיט במשך כל השנה כולה,

- זאל -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס 534 הודפס ע"י אוצר החכמה

זאל מען אין בין המצרים מוסיף זיין בזה, און אויך בשמחה ובטוב לבב, כאטש דאס איז בין המצרים, איז דאך אבער מצות צדקה פארבונדן במיוחד מיט שמחה, ווארום דאס דארף דאך האבן סבר פנים יפות, ווי ער ברייננגט אראפ אין שו"ע (יו"ד רמ"ט ס"ג-ד) לפסק הלכה, גענומען פון רמב"ם (הל' מתנות עניים פ"י ה"ד), ובלשון פון מאמרי חסידות אז דאס זאל זיין בשמחה ובטוב לבב.

און דערנאך אז מ'קומט צו ער"ת מנחם, וואס ער"ת בכלל איז דאך אן עת רצון, עאכו"כ ער"ח מנחם, בדוגמא ווי מ'זאגט אויף חמשה עשר באב, אז "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכו'" (משנה תענית כו, ב), דערפאר וואס דאס קומט און ס'איז פארבונדן מיט די ענינים פון ת"ב (סה"מ עת"ר ע' רכא), עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו ער"ח פון א חודש וואס דער ערשטער ווארט פון זיין נאמען איז מנחם, אז דעמולט איז דא דער עת רצון ביתר שאת וביתר עוז, אז דאס וואס מ'זאגט בכל ברכת החודש לישועה ולנחמה, איז ווען דער שם פון דעם חודש אליין הויבט זיך אן מיטן ווארט מנחם, איז דעמולט דער ענין הנחמה ביתר שאת וביתר עוז;

זאל מען דעמולט מוסיף זיין סיי אין תורה סיי אין צדקה, אפילו בערך פון די הוספה אין תורה וצדקה במשך פון בין המצרים, עאכו"כ בערך פון כל ימות השנה.

דערנאך בשעת ס'קומט ר"ח, וואס דעמולט דארף מען דאך נאכמער מוסיף זיין אין ענינים טובים, אויף מבטל זיין און מהפך זיין דאס וואס ס'קומט צו אין ענינים וואס היפך הטוב בגלוי, וואס דאס איז די ענינֵי הגבלות פון טוב, וואס הויבן זיך אן אין די תשעה ימים שמר"ח,

און וויבאלד אז אין די תשעה ימים עצמם איז דאך דא כמה דרגות אין היפך הטוב בגלוי, איז דערפון פארשטאנדיק אז מ'דארף מוסיף זיין סיי אין במשפט - תורה, סיי אין בצדקה.

וואס אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז אין דעם שבוע שחל בו ת"ב, און נאכמערער אין ערב ת"ב, זאל מען מוסיף זיין אין לימוד התורה, מערניט וואס לאחרי חצות היום איז דאך דא א הגבלה וועלכע ענינים מ'מעג לערנען אין תורה, וואס אין די ענינים קען מען אויך געפינען ווי זיי זיינען פארבונדן מיט הלכות ביהב"ח, מיט ענינֵי ביהמ"ק, נאר אין די הלכות שבהם וואס זיינען מותר ללמוד בערב ת"ב לאחרי חצות, און אויך מוסיף זיין אין צדקה.

דערפון וואס אין ת"ב עצמו קומט צו נאכמער אין היפך הטוב בגלוי, איז פארשטאנדיק אז דעמולט דארף מען נאכמער מוסיף זיין אין ענינים פון משפט - תורה, און אין ענינים פון צדקה.

און די אלע ענינים מיט די הוספה אחרי הוספה, און עלי' אחר עלי', איז דאך זעלבסט פארשטענדליך אז דאס איז בנוגע לכל אחד ואחת מישראל, ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ (הל' ביהב"ח פ"א הי"ב) הכל חייבין לבנות ולסעד דעם ביהמ"ק, סיי אנשים סיי נשים, און איז מדייק סיי בעצמם און סיי במִמונם, איז דאך פארשטאנדיק אז די אלע ענינים וואס מ'האט גערעדט פריער איז חל אויך אויף זיי.

אין דעם קומט צו נאך אן ענין, לויט דעם פסוק "מפי עוללים ויונקים יסדה עוז" (תהלים ח, ג), וואס ער איז מסיים דערנאך "להשבית אויב ומתנקם", איז דאך מובן אז וואס מער ס'ווערט דער השד פון דעם

- אויב -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 532 הודפס ע"י אוצר החכמה

אויב ומתנקם - וואס אין גלות גופא איז אין ימי המצרים איז דאך דאס מער ווי בשאר ימות השנה, און אין די תשעה ימים איז דאס מער ווי אין שאר ימי המצרים, און אין די תשעה ימים גופא איז אין דעם שבוע שחל בו ת"ב, און ערב ת"ב, און ת"ב איז דאס נאכמער - דארף מען נאכמער מוסיף זיין אין "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", אז ביי עוללים ויונקים - אפילו פאר בר מצוה אדער בת מצוה - זאל אויך זיין די אלע ענינים ביתר שאת וביתר עוז, וואס דאס וועט פועל'ן דעם "להשבית אויב ומתנקם".

ומצד כמה טעמים האמורים, וויבאלד אז ס'דארף דאך זיין ניט נאר "בשבתך בביתך" - וועט ער האט ביי זיך א ספר אדער א קונטרס אדער א רמב"ס אדער א חוברת מיט מאמרי רז"ל, נאר לימוד התורה דארף זיין אויך וועט עד איז "בלכתך בדרך", אדער "ובשכבך", און ס'איז שוין פארלאשן די ליכט אין צימער, וואס דערפאר דארף מען האבן ענינים אין תורה בע"פ, אין דאס וואס מ'מעג קענען בע"פ, וואס בכללות איז דאך דאס גאנץ הלכות ביהב"ח, און גאנץ מסכת מדות, וכו"כ ענינים אפילו פון פסוקי התורה וואס מצד הרגילות שבהם וכו' מעג מען זיי קענען בע"פ, כמבואר בארוכה אין די הלכות און די פסקי דינים שבזה (סושו"ע או"ח סמ"ט).

וואס דעמולט וועט דאס זיין אויך בשכבך, עד"ז אויך בלכתך בדרך, עד"ז אויך אפילו ביי קינדער וואס קענען נאך ניט ליינען בפנים, אדער זיי ליינען בפנים בקושי, איז בשעת מ'לערנט מיט זיי בע"פ, איז ברוגמא ווי די גמרא (סוכה מב, א) זאגט אז משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, וואס בשעת התינוק מתחיל לדבר קען ער דאך נאך ניט ליינען אין א סידור אדער אין א חומש בפנים, נאר וואס דען - אביו מלמדו - ער לערנט אים בע"פ, וואס דעמולט קען זיין לימוד התורה אויך ביי אים.

ועאכו"כ בנוגע צו מצות הצדקה, וואס דאס איז דאך שייך צו עוללים ויונקים גדולים וקטנים, און אפי' בשבתות איז דאך שייך צדקה דורך ואהבת לרעך כמוך - אז ער לערנט מיט א צווייטן אן ענין אין תורה בכלל, און אין הלכות ביהב"ח בפרט, ובת"ב ובערב ת"ב לאחרי חצות - אין דברים המותרים ללמוד דעמולט, אדער ער ברייינגט אן אורח לביתו וכו'.

וואס דאס איז אויך איינע פון די כוונות וואס מ'מאכט דעם דיבור בזה ובמילא די התוועדות ע"ד זה, אז איידער ס'הויבט זיך אן דער היום למלאכה - דער סוף פון ערו"ח, וואס דעמולט איז דא אויך די מעגלעכקייט אז מ'הערט דאס בשעת מעשה בכמה מקומות, וואס דארטן איז נענטער צו עמוד השחר און צו נץ החמה וכו' - כדי מ'זאל האבן דעם זירוז בזה.

וואס דער זירוז קומט צוזאמען מיט דער בקשה נפשית, וכמה פעמים, ופעם אחר פעם, ביז מאה פעמים ואחד (אדער מאה פעמים ואחת - לויט די צוויי גירסאות וואס ס'איז דא אין דעם), אז יעדערער זאל טאן בכל האמור בשמחה ובטוב לבב, במילא וועט דאס פורץ זיין זיינע מדידות והגבלות, און ער וועט טאן אין דערויף ביתר שאת וביתר עוז, און ס'וועלן נצטרף ווערן די תפילות כל ישראל ובקשות כל ישראל ולימוד התורה פון כל ישראל, ונתינת הצדקה פון כל ישראל.

ועאכו"כ אז מ'וועט נוצן דאדטן וואו ס'איז דא דאס וואס מ'רופט אן בשם "טאנק" וואס זיינען פארבונדן מיט מצוה, במילא קען מען דורך זיי דערגרייכן צו ערטער וואס א הולך רגלי קען אהינצו ניט צוקומען

- נאך -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 540 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאך אין דעם זמן פון ער"ח, מצד ריחוק המקום בגשמיות, איז אז מ'פארט מיט א טאנק קומט ער אן אויך אהינצו.

וואס נוסף לזה איז נאך דא די נקודה אז דעמולט ווערט דאס געטאן ברוב עם הדרת מלך, מאכט דאס א שטארקן רושם, און דאס ווערט בדוגמא ווי מ'זאגט בנוגע צו זכר ליצי"מ, אז מ'טוט כמה ענינים כדי אז די תינוקות זאלן פרעגן, ועד"ז איז דאך דא תינוקות ביהדות, וואס אנדערש קען מען ביי זיי ניט דורך ברעכן די קליפה החיצונית, סיידן מ'מאכט א דבר תמוה, אז ער דערזעט אן אפטאמאביל און אויף אים איז אנגעשריבן מיט אותיות מרובעות, און פון דארטן הילכט א קול, און דער קול רעדט מיט אים וועגן זאכן וואס זיינען פאר אים א חידוש, במילא פרעגט ער מה נשתנה, מה זה וכו', אדער עכ"פ ער שטעלט זיך אוועק און קוקט ווי א שאינו יודע לשאול, אבער ביי אים איז אנגעשריבן אויפן פנים אז ער וויל אז מ'זאל אים אויף עפענען אז ביי אים זאל זיין דער את פתח לו.

און כל פעולות אלו זאלן נצטרף ווערן ביחד, און יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, בקרוב ממש בביאת משיח צדקינו, וואס יבנה ביהמ"ק במקומו, ויקבץ נדחי ישראל, והיתה לה' המלוכה ובעגלא דידן.

ד. ס'איז דאך דא אזוינע וואס האבן מורא מצד קול המונם, וואס מ'מאכט א טומל, און לכאורה ווען איז געווען אזא הנהגה אז מ'זאל ארויס גייען בחוצות העיר און פארן מיט אפטאמאבילן און טומלען אין די גאסן וכו',

איז כמדובר כמ"פ דאס איז ניט קיין דבר חדש, דאס איז א בפירוש'ע גמרא (תענית יח, א) אז בשעת ס'קומט אן א ווארענונג, זאגט מען דעמולט "עמלו והפגינו", אז מ'דארף ארויס גיין און מאכן א טומל אין גאס, "בזעקך יצילוך קיבוציך" (ישעי' נז, יג), אז אידן קלייבן זיך צוזאמען און שרייען בקול גדול מיט א צעקה, וואס דאס איז זיי מציל פון כל ענינים בלתי רצויים.

ביז אין אן אופן אז ס'ווערט "והפכתי", אז דאס וואס ס'איז געווען רח"ל די ווארענונג, והראי' אז ס'האט געטראפן מעין זה בעבר וכו', כמדובר כמה פעמים בימים האחרונים, איז ניט נאר אז ס'וועט בטל ווערן, און ס'וועט ניט זיין ח"ו לא מיני' ולא מקצתי', נאר ס'וועט זיין דער "להשבית" לויט דעם העכערער אפטייטש אין "והשבתי חי' רעה מן הארץ" (יל"ש בחוקותי רמז תערב), ניט נאר אז ס'ווערט בטל די מציאות פון דעם מזיק (כדעת ר"י), נאר ס'איז דא די מציאות פון דעם מזיק, ער איז אבער ניט מזיק (כדעת ר"ש), ביז אז ער ווערט א מסייע, גם אויביו ישלים אתו זה הנחש (ב"ר פנ"ד, א), אז ער ווערט צוריק א שמש גדול ביי אדם (ראה סנהדרין נט, ב) - ביי אתם קרויין אדם (יבמות סא,א).

ואדרבה, נאך מערער ווי ס'איז געווען לפני החטא, ע"ד ווי כל הענינים פון לע"ל, וואס זיי וועלן זיין נאך העכער ווי ס'איז געווען לפני החטא, וואס צוליב דעריף איז דאך געווען די ירידה אין גלות, כדי מ'זאל צוקומען צו אן עלי' גדולה יותר, בדוגמא ווי כללות הענין פון ירידת הנשמה בגוף, וואס דאס איז דאך אויך א ירידה וגלות מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, איז דאך דאס כדי די נשמה זאל דערנאך עולה זיין צו אן ארט וואס איז נאך העכער ווי זי איז געווען לפני ירידתה למטה, כמבואר בכ"מ, וואס אין כאן המקום נאך אמאל איבעד חזר'ן וכו'.

וואס דאס איז דער פירוש פון דער ווארענונג, אז די כוונה בזה איז מערניט ווי לטובה, און דאס איז עכ"פ דער ביאור במקצת אז אע"פ

- וואס -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 541 הודפס ע"י אוצר החכמה

און אפילו אין א פרט וואס מ'קען טראכטן אז וויבאלד א גדול גיט דערצו ניט קיין חשיבות, וועט דאס מסתמא ביי א קינד אויך ניט תופס מקום זיין - איז דאס חשוב, ובחשיבות גדולה ביותר, און דערנאך ווייזט זיך ארויס אז דאס פועל'ט ביי א קינד א רושם עמוק ביותר, ביז וואנעט אז ער דערמאנט דאס לאחרי זמן, און דערפון נעמט ער ארויס מסקנות און תוצאות וכו'. וכידוע כמה סיפורים בזה וואס מ'ווייסט דאס פון מחנכים ומחנכות וכו'.

וואס דערפאר איז נוסף אויף דעם ענין החינוך וואס הויבט זיך אן אין התחלת שנת לימודים, דארף דאס זיין אויך פריער, כמדובר כמ"פ (שיחת י"ג תמוז, כ"ד תמוז ש.ז.) בנוגע צו לימוד התורה אז ס'איז ניט שייך אין דערויף קיין הפסק וחופש, מיט וואס פאר א לשון מ'זאל דאס ניט אנרופן, נאר דער חינוך ע"פ התורה גייט אן א קיילעכדיקן יאר אן קיין הפסק.

און דער ענין החינוך דארף זיין סיי בנוגע צו קטנים כפשוטם, עד"ז אויך בנוגע צו קטנים בידיעות, אע"פ וואס בשנים זיינען זיי שוין גדולים.

וואס אין דערויף איז אויך די נקודה בנוגע למעשה, אז מ'זאל מאכן דעם שטורעם הכי גדול וכל האפשרי - טאקע בדרכי נועם ובדרכי שלום, אבער מיטן גאנצן שטורעם ובדיבור ובדברים היוצאים מן הלב - אויף זען אז יעדער פאטער און מוטער זאלן טאן ככל התלוי בהם אז זייער קינד זאל באקומען די מדה הכי גדולה פון אידישקייט בחיי יום יום שלו.

אויף ממשיך זיין בנוגע צו מבצע תורה, און לימוד התורה, איז כמדובר באריכות פאר תשעה באב (בהתוועדות דכ"ד תמוז ואילך) אז מ'זאל זיך משתדל זיין לערנען די ענינים פון ביהב"ח, סיי ווי זיי שטייען אין תושב"כ, סיי אין משנה און אין גמרא, ביז אין פסקי דינים בזה, אנהויבנדיק פון הל' ביהב"ח אין רמב"ם און אין די מפרשים שלו.

וואס אזוי ווי דאס האט דאך א חשיבות מיוחדת אין די ג' שבועות שלפני ת"ב, האט דאס אבער אויך א חשיבות אין דעם זמן שלאח"ז, וויבאלד אז דאס ווערט אנגערופן "שבעה דנחמתא", וואס דאס איז די נחמה אויף די ענינים פון די ג' שבועות, וואס די אמת'ע נחמה אויף דעם איז דאך, אז מ'וועט זען דעם ביהמ"ק השלישי דא למטה מעשרה טפחים בנוי בשלימות, ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו כמצווה עלינו בתורתך.

וואס די התחלה בזה איז דורך דעם לימוד פון "זאת תורת הבית" (יחזקאל מג, יב) לערנען די תורה פון דעם ביהמ"ק, וואס לימוד מביא לידי מעשה (קידושין מ, ב).

אויף דערמאנען (עכ"פ בקיצור) אן ענין אין הלכות ביהב"ח אין רמב"ם, וואס מ'האלט דאך שוין אין הלכה ג', וואס דארטן זאגט דער רמב"ם "כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות כולן לבנות בהן בית לה' ולהקריב בהן קרבן. ואין שם בית לדורי הדורות *) אלא בירושלים

- בלבד -

---

*) <u>לדורי הדורות</u>: צ"ע בדפוסים הקודמים, כי הלשון בכ"מ הוא "דור דורים", אף שנמצא אבל בנפרד "קורא הדורות".



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 584 הודפס ע"י אוצר החכמה

בלבד ובהר המורי׳ *) שבה נאמר (דה"א כב, א) ויאמר דוד זה הוא בית ה׳ האלקים וזה מזבח לעולה לישראל, ואומר (תהלים קלב, יד) זאת מנוחתי עדי עד".

וואס אין דערויף איז ניט פארשטאנדיק (וראה הר המורי׳ על הרמב"ם כאן):

א) דאס וואס "באו לירושלים נאסרו הבמות" (משנה זבחים קיב, ב), לערנט אפ די גמרא (שם קיט, א) דערפון וואס ס׳שטייט (ראה יב, ט) "כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה, אל המנוחה זו שילה, נחלה זו ירושלים, למה חלקן - כדי ליתן היתר בין זה לזה", וואס דערפון לערנט מען אז נאך דערויף וואס מ׳איז געקומען "אל הנחלה" - אין ירושלים, איז נאסרו הבמות.

פרעגט זיך די שאלה פארוואס ברייננגט ניט דער רמב"ם דעם פסוק וואס די גמרא ברייננגט, וואס דארף ער ברייננגען אן אנדער פסוק, און נאך מיט אן אנדער תוכן?

ב) די שאלה איז נאך גרעסער בנוגע צום צווייטן פסוק "זאת מנוחתי עדי עד":

די גמרא זאגט דאך אז מנוחה זו שילה, און נחלה זו ירושלים, וואס דאס זיינען צוויי באזונדערע זאכן, און דאס איז ניט קיין המשך, ווי די גמרא זאגט "ולמה חלקן כדי ליתן היתר בין זה לזה", אז צווישן מנוחה מיט נחלה איז הותרו הבמות.

איז בשעת דער רמב"ם דארף ברייננגען א פסוק אז דער "בית לדורי הדורות" איז דוקא אין ירושלים און שפעטער איז ניטא קיין היתר אויף במות, האט ער געדארפט ברייננגען א פסוק וואס דארטן שטייט "נחלה" (וואס נחלה גייט דאך אויף ירושלים), איז פארוואס ברייננגט ער דעם פסוק "זאת מנוחתי", וואס מנוחה גייט דאך גאר אויף שילה וואס נאך שילה איז הותרו הבמות (כנ"ל)?

ג) פארוואס ברייננגט דער רמב"ם דעם סיום הפסוק "וזה מזבח לעולה לישראל", דא איז דאך נוגע נאר די ערשטע האלב פון פסוק "זה הוא בית ה׳", האט ער געדארפט ברייננגען נאר דעם חלק פון פסוק, פונקט אזוי ווי אין דעם צווייטן פסוק ברייננגט ער נאר "זאת מנוחתי עדי עד", און ער ברייננגט ניט דעם סיום הפסוק "פה אשב כי אויתיה"?

ד) אפי׳ אויב ער דארף ברייננגען דעם סיום הפסוק דערפאר וואס ער וויל זאגן אז דאס איז אויך דער ארט אויף מקריב זיין קרבנות - "וזה מזבח לעולה", איז דאך אבער ניט נוגע צו ברייננגען אז דאס איז "לישראל"?

והביאור בזה:

אין דער הלכה זאגט דער רמב"ם צוויי ענינים:

א) "כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות כולן לבנות

- בהן -

---

*) ובהר המורי׳: ראה דה"ב ג, א. תענית טז, א. ובב"ר ס"פ וירא עה"פ: ארץ המורי׳ גו׳ בהר הוי׳ יראה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 582 הודפס ע"י אוצר החכמה

בהן ביח לה׳" - אז מ׳טאר ניט בויען א בית לה׳ נאר בירושלים, און אויב ער וויל בויען א ביח לה׳ מיט אלע פרטים שבדבר, "מיד ה׳ עלי השכיל" (דה"א כח, יט) - איז דא אין דעם א תנאי עיקרי, אז דאס מוז זיין "בירושלים בלבד ובהר המורי׳" (וואס דער איסור איז ניט דער איסור פון הקרבה בבמות).

ב) "ולהקריב בהן קרבן" - דער איסור ההקרבה בבמות. דכתבו ולהקריב בהן (בהמקומות) ולא בו (בהבית) - מורה שזהו ענין שני - איסור הקרבה (במק"א) דבמות - עיקר השקו"ט בזבחים.

ולכן לא הביא הרמב"ם את הפסוק "כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה", כי פסוק זה בא בהמשך להקודם: לא תעשון גו׳ איש כל הישר בעיניו (וטעם החילוק) כי (פה) (היום) לא באתם גו׳ - היינו האיסור דהקרבת קרבן חוץ ל"מנוחה ונחלה",

והביא הרמב"ם פסוק שנאמר בו ע"ד ב׳ הנ"ל: א) איסור דבנין בית לה׳ מחוץ לירושלים - זה הוא בית ה׳ האלקים, ב) איסור הבמות - וזה מזבח לעולה לישראל (ראה פרש"י שם דה"א כב, א).

ומקורו של הרמב"ם לחדש האיסור דבנין ביח (מחוץ לירושלים): י"ל בכמה אופנים ומהם - במכש"כ וק"ו מפרט אחד דהבנין דאסור (הקרבה בהבית - ה"ז ג"כ פרט דהבית (שצ"ל "מוכן להקריב כו׳") שבא בפועל). ולהעיר ממדרש תהלים ד.

און אין דעם איסור פון "להקריב בהן קרבן", איז אין דעם דא א דיוק:

די גמרא (שם קטז, ב) זאגט אז "אין העכו"ם מצווין על שחוטי חוץ, לפיכך כל אחד ואחד בונה לו במה לעצמו ומקריב עלי׳", דערנאך דערציילט די גמרא א מעשה רב וואס איז געווען מיט רבא׳ן, אז "איפרא הורמיז אימי׳ דשבור מלכא שדרה קורבנא לרבא, שלחה לי׳ אסקוה ניהלי׳ לשם שמים" האט ער איר געהאלפן מקריב זיין דעם קרבן, און ער האט געזאגט ווי אזוי מ׳זאל דאס טאן וכו׳.

ד.ה. אז דער איסור פון "להקריב בהן קרבן" איז נאר "לישראל", משא"כ בנוגע צו א נכרי, געפינט מען דאך א מעשה רב, אז מפני יראת המלכות וכיו"ב, האט מען געהאלפן א נכרית זי זאל מאכן א מזבח, און מקריב זיין דארטן א קרבן.

וואס דערפאר ברייננגט דער רמב"ם (ניט נאר "וזה מזבח לעולה", נאר) אויך דעם סיום הפסוק "לישראל", ווייל דער איסור איז נאר לישראל.

ומוסיף להסביר טעם האיסור בזה - "ואומר *) זאת מנוחתי עדי עד", דהיינו שמאחר שהקדושה דביהמ"ק היא באופן ד"עדי עד" - "שקדושת המקדש וירושלים .. אינה בטילה" (פ"ו הט"ז), לכן "זאת מנוחתי" ולא מק"א;

די קדושה וואס איז געווען אין שילה, איז ניט געווען אין׳ אן אופן פון "עדי עד", די קדושה איז ניט געבליבן דארטן, משא"כ "זאת מנוחתי", וואס דאס בייט דאך אויף דעם וואס ס׳שטייט פריער אין פסוק "כי בחר ה׳ בציון אוה למושב לו" - איז "זאת מנוחתי" - די מנוחה פון ציון - איז אין אן אופן פון "עדי עד".

- און -

---

*) ובדיוקו "ואומר" - ראה ברכות ומכות בסופן "מאי ואומר".



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : טלל הודפס ע"י אוצר החכמה

און וויבאלד אז קדושת השכינה וואס איז דא אין מקדש און ירושלים איז אין אן אופן פון "עדי עד", אז זי איז אינה בטילה, איז דאס שולל אז קדושת השכינה זאל קענען זיין במקום אחר, וואס דערפאר איז "נאסרו כל המקומות כולן לבנות בהן בית לה'", און אז ער וויל בויען א בית לה', זאגט מען אים אז "זאת מנוחתי עדי עד" - די שכינה געפינט זיך דוקא אין ירושלים בהר המורי', און ניט אין אנדער ארט.

ויומתק עפ"י הביאור אין דעם וואס מ'געפינט בנוגע צו אלי' הנביא צוויי ענינים: מ'געפינט אז דערפאר וואס ער איז געווען פארנומען מיט דער הצלה פון רב המנונא, האט ער פארשפעטיקט צו דער אידרא (זח"ג קמד, ב), פרעגט מען אויף דעם די שאלה, וויבאלד אז אלי' הנביא געפינט זיך ביי יעדער ברית מילה, איז ווי קומט דאס אז דערפאר וואס ער איז געווען פארנומען מיט מציל זיין רב המנונא האט ער באותו זמן ניט געקענט זיין ביי דער אידרא?

איז מבואר בכ"מ (נצו"א שם. המשך תרס"ו ע' קעה. סה"מ ה'ש"ת ע' 62) דער ביאור אין דעם, אז אויף מציל זיין רב המנונא האט ער געדארפט קומען מיט זיין עצמיות, עד"ז צו דער אידרא האט ער אויך געדארפט קומען מיט זיין עצמיות, און דער עצם קען ניט זיין אין צוויי ערטער בבת אחת;

משא"כ ביי א ברית מילה איז דא מער ניט ווי א ניצוץ פון אלי' הנביא, און ניצוצים זיינען דאך דא כו"כ, וואס דערפאר קען ער זיין אין איין זמן בכ"מ, וויבאלד ס'איז מער ניט ווי א ניצוץ פון אים.

און ווי ער זאגט אין זוהר בכ"מ (זח"ג רפח, א) אז ס'איז דא נאר בוצינא חדא, אבער די ניצוצין געפינען זיך בכו"כ מקומות, ביז בכל עיבר.

ועד"ז אויך בנוגע לעניננו: דאס וואס מ'זאגט אז דער אויבערשטער איז "מלא כל הארץ כבודו" (ישעי' ו, ג), און "את השמים ואת הארץ אני מלא" (ירמי' כג, כד) - געפינט ער זיך טאקע אומעטום, וואו איז אבער "מנוחתי" - השראת העצם, איז דאס נאר אין איין און איינציקן ארט - אין ירושלים ובהר המורי', וואס דארטן איז השראת השכינה אין אן אופן פון "עדי עד".

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק דאס וואס דער רמב"ם ברייננגט דעם פסוק "זאת מנוחתי", אע"פ אז די גמרא זאגט אז מנוחה גייט אויף שילה - ווארום דאס וואס ס'שטייט "מנוחתי" אין דעם פסוק, איז דאך זיכער אז דאס גייט אויף ירושלים, ווארום דער פסוק קומט דאך בהמשך צו דעם פסוק שלפנ"ז "כי בחר ה' בציון", וואס דערפאר ברייננגט דאס דער רמב"ם בנוגע צו ירושלים.

עס בלייבט נאך אבער שווער אויף דעם פסוק גופא: וויבאלד אז דער פסוק רעדט וועגן "ציון", איז פארוואס שטייט "זאת מנוחתי", ס'האט געדארפט שטיין אין פסוק "זאת נחלתי", ווארום מנוחה גייט דאך אויף שילה און נחלה גייט אויף ירושלים (כסתימת הש"ס מגילה י, א. ובמשנה (זבחים קיד, ב): "באו לירושלים .. והיא היתה נחלה". ופרש"י עה"ת פשוטו ש"מ), האט דאס געדארפט שטיין אין פסוק גופא דער לשון "נחלה" וואס מ'זאגט אויף ירושלים?

והביאור בזה:

"מנוחה" און "נחלה" זיינען צוויי מעלות, ויש בזו מה שאין בזו.

- ווי -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 591 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

ווי ס'איז פארשטאנדיק דערפון וואס אין גמרא (זבחים קיט, ב) איז דא א דעה אז "מנוחה זו ירושלים נחלה זו שילה", און וויבאלד אז ס'איז דאך זיכער (אויך לויט די דעה) אז ירושלים איז העכער במדריגה פון שילה, איז דאך מוכרח אז ס'איז דא א מעלה אין מנוחה וואס איז ניטא אין נחלה.

ובפרט - להדיעה שם דשניהם בשילה או בירושלים. וראה אוה"ת ויצא קפו ועוד.

- איז בנוגע צו דעם ביהמ"ק מיט שילה ווי זיי זיינען בערך זה לזה, ווערט שילה אנגערופן מנוחה, און דער ביהמ"ק - נחלה, אבער בשעת מ'רעדט וועגן דעם ביהמ"ק לכשעצמו, און מ'זאגט אויף דערויף אז עד איז אין אן אופן פון "עדי עד", דארף ער אויך האבן די מעלה פון מנוחה.

והביאור בזה:

די מעלה פון נחלה, וואס דאס איז די מעלה פון ביהמ"ק אויף שילה - איז, אז דער ביהמ"ק איז אין אן אופן פון "עדי עד", ד.ה. אז השראת השכינה אין דעם מקום איז באופן נצחי (אע"פ אז עצם הבנין (או הכלים) זיינען ניט קיין נצחיים).

די מעלה פון מנוחה, וואס דאס איז די מעלה פון שילה אויף ביהמ"ק של שלמה, ועד"ז בית שני - איז, אז משכן שילה איז געווען א טייל פון דעם משכן שעשה משה, ווי דער רמב"ם (פ"א ה"ב) זאגט בנוגע צו שילה "ובנו שם בית של אבנים ופרשו יריעות המשכן עליו ולא היתה שם תקרה".

וואס די מעלה וואס איז דא אין דעם משכן שעשה משה איז, וואס מעשה משה, היריעות והקדשים והכלים עצמם הם נצחיים, ווי די גמרא (סוטה ט, ב) זאגט בנוגע צו מעשי ידי משה, אז אין דערויף האבן ניט שולט געווען ידי זרים, און די יריעות און די קרשים און די כלים וואס משה האט געמאכט, זיינען נגנז געווארן, און דאס וועט נתגלה ווערן לע"ל.

וואס דאס איז די מעלה פון שילה (וואס ער איז פארבונדן מיט משכן שעשה משה) לגבי דעם ביהמ"ק הראשון והשני, אז אין ב"ר און ב"ש איז געווען א חורבן אין אן אופן פון "ערו ערו עד היסוד בה" (תהלים קלז, ז), משא"כ שילה, איז אע"פ אז חרב, זיינען אבער די כלים - וואס ברובם זיינען זיי געווען די כלים וואס משה האט געמאכט - געבליבן נצחיים.

ד.ה. אז די מעלה פון נחלה *) (ביהמ"ק) איז, אז השראת השכינה אין דעם מקום איז באופן ד"עדי עד" - נצחיות שבהמקום (אע"פ אז עצם הבנין אדער די כלים זיינען ניט קיין נצחיים); און די מעלה פון מנוחה *) (שילה) איז, אז די כלים גופא זיינען נצחיים - אז אין דערויף זיינען ניט שולט ידי זרים (אע"פ אז השראת השכינה אין דעם מקום איז ניט באופן נצחי).

- וואס -

---

*) פשטות התיבות: מנוחה - מצב נפש האדם, נחלה - תכונת החפצא (הקרקע וכיו"ב).

ולכן: התואר מנוחה מורה על ענין הנצחיות שבדבר המיטלטל עם האדם - גברא, שינוי הכלים - משנה דעתו של אדם וקרוב אל האדם יותר מאשר הדירה (ברכות נז, ב); והתואר נחלה על הנצחיות שבהמקום.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 592 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז אלץ די מעלה פון מנוחה וואס איז געווען אין שילה - לגבי ביהמ"ק הראשון (של שלמה), און ביהמ"ק השני.

אבער דער ביהמ"ק השלישי וועט אויך האבן די מעלה פון מנוחה, ווארום ער וועט דאך זיין א בנין נצחי; וועט ער האבן סיי די מעלה פון נחלה, אז השראת השכינה אין דעם מקום איז אין אן אופן פון "עדי עד", סיי די מעלה פון מנוחה, אז דער עצם הבנין וועט זיין א נצחי, און ידי זרים וועלן ניט האבן קיין שליטה אין דעם. און דערפאר שטייט אין פסוק "זאת מנוחתי", ווארום דער ביהמ"ק השלישי וועט האבן אויך די מעלה פון מנוחה דערפאר וואס דאס וועט זיין "עדי עד".

פארוואס טאקע וועט דער ביהמ"ק השלישי האבן אויך די מעלה פון מנוחה וואס איז געווען אין שילה?

איז דער ביאור בזה: ס'שטייט אין מדרש (ראה מכילתא ופרש"י עה"פ) אז ביהמ"ק השלישי וועט זיין דער "מקדש ה' כוננו ידיך" (בשלח טו, יז), משא"כ ביהמ"ק הראשון - מקדש שבנה שלמה, עד"ז דער ביהמ"ק שני, זיינען ניט אין אן אופן פון כוננו ידיך, דערפאר זיינען זיי ניט געווען קיין נצחיים.

אבער ביהמ"ק השלישי וואס ער איז "כוננו ידיך", האט ער די מעלה פון מנוחה (אזוי ווי שילה), אז דער בנין אליין וועט זיין א נצחי, וואס דאס איז ע"ד ווי מעשה משה, וואס דאס איז געווען "כמראה אשר הראיתה בהר" (תרומה כו, ל), און משה איז דאך געווען אן עבד נאמן, וואס עפ"י דין איז אן עבד ניט קיין מציאות פאר זיך,

ווי געערעדט כמ"פ בארוכה (לקו"ש ח"ה ע' 235) אז דאס וואס מ'זאגט מה שקנה עבד קנה רבו (פסחים פח, ב), איז ניט דער פשט אז פריער איז דאס קונה דער עבד, און דערנאך איז דאס קונה דער אדון, נאר מלכתחילה ווערט דאס של האדון, ווארום דער עבד איז ניט קיין מציאות פאר זיך - ער איז א מציאות, אבער כל מציאותו איז מערניט ווי מציאות האדון. וכמבואר בארוכה אין המשך תרס"ו (ד"ה ומקנה רב ואילך) וואס השנה איז שנת השבעים לאמירתו.

איז וויבאלד אז משה איז געווען אן עבד נאמן, וואס כל מציאותו איז מציאות האדון, קומט דאך אויס אז מעשה משה זיינען ע"ד ווי דער ענין פון כוננו ידיך - מעשי הקב"ה, וואס דערפאר זיינען זיי געווען נצחיים.

ועד"ז וועט זיין אין ביהמ"ק השלישי די מעלה פון מנוחה וואס איז געווען אין שילה, וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט דעם משכן שעשה משה - עבד נאמן (ע"ד מעשה הקב"ה), ועד"ז וועט דער ביהמ"ק השלישי זיין "מקדש ה' כוננו ידיך".

אעפ"כ, וויבאלד אז דער פסוק "מקדש ה' כוננו ידיך" גייט דאך בפשטות אויף אויף ב"ר און ב"ש, דארף מען זאגן אז אויך אין זיי איז געווען א מעין פון דעם ענין המנוחה וואס וועט זיין אין ביהמ"ק השלישי, וואס דאס איז וואס השראת השכינה אין דעם מקום איז אין אן אופן נצחי - אפי' אין מקדש ראשון ושני, וואס דער ענין פון השראת השכינה איז דאך ע"ד הענין פון "מקדש ה' כוננו ידיך", דאס קומט מצד דעם אויבערשטן, ווארום דאס וואס שלמה האט אויף געטאן איז געווען מערניט ווי די הכנה דערצו, אבער דאס וואס שרתה שכינה, זאגט דאך די גמרא (ראה זבחים כד,א.

- ירושלמי -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 593 הודפס ע"י אוצר החכמה

ירושלמי סנהדרין פ"א ה"ג. שבועות פ"ב ה"ב) אז דאס איז גאר פארבונדן מיט דוד, איז דאך דאס ע"ד דער ענין פון "כוננו ידיך", וואס דערפאר איז דארטן דא א מעין פון דעם ענין המנוחה *). אבער עיקר ענין המנוחה וועט זיין אין ביהמ"ק השלישי, וואס דארטן וועט דער בנין גופא זיין א נצחי (ניט נאר השראת השכינה במקום זה).

וואס דאס איז מעלת המנוחה וואס קומט צו אין ביהמ"ק השלישי וואס איז ניט געווען אין ב"ר וב"ש - אז דאס איז אן ענין נצחי אויך בנוגע צו גשמיות הדבר (ניט נאר בנוגע צו השראת השכינה, וואס דאס איז דאך געווען אויך אין ב"ר וב"ש).

ויה"ר אז ע"י מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, אז מ'וועט ניט נתפעל ווערן פאר דעם חושך כפול ומכופל פון עקבתא דעקבתא דמשיחא, און מ'וועט מוסיף זיין אין הגנה ושמירה על כל אחד ואחת פון בני ובנות ישראל למקטנם ועד גדולם בכל מקום שהם, דורך תורה וואס זי איז מגנא ומצלא, און דורך תפילין וואס דאס איז מטיל אימה אויף די שבעים זאבים, ביז אין אן אופן פון "ויראו ממך", אז מלכתחילה וועלן זיי זיך ניט וועלן פארמשעפען, און צוזאמען מיט מבצע מזוזה וואס דורך דעם איז "ה' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם", און מבצע צדקה וואס מקרבת את הגאולה (ב"ב י, א), דורך דערויף וואס זי איז גואל דעם נותן ומקבל הצדקה, און אויך כללות ענין פון קליפת נוגה מיטן גאנצן עולם כמבואר בארוכה אין תניא (פל"ז (מח, ב ואילך)),

וואס דאס איז מיוסד אויף דעם ענין פון מאכן ליכטיק ביתר שאת וביתר עוז, דעם ערב שבת פאר נאכט פון שית אלפי שנין דהוי עלמא, דורך נרות שבת קודש, וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס דעם דם ובשר כבשרו איז פון א מאכל ומשקה כשרים, וואס דאס איז דערפאר וואס דאס זיינען נשמות כשרות וקדושות וואס ווערן נמשך פון דעם אוצר שנקרא גוף (פרש"י יבמות סב, א), דורך ענינים פון טהרת המשפחה,

וואס דאס איז מקרב אז בקרוב ממש יכלו כל הנשמות שבגוף (יבמות שם, זח"א כח, ב), דורך דערויף וואס מ'וועט אויף שטעלן בנים ובנות בישראל כפשוטם אין א ריבוי עצום, און אויף שטעלן אויך אין דעם פרו ורבו ברוחניות, ע"י הפצת התורה והיהדות, וואס בשעת אז יכלו כל הנשמות שבגוף איז בן דוד בא,

אין אן אופן וואס ער ווערט אנגערופן בן דוד, אבער דאס איז בשעתא חדא וברגעא חדא - "וארו עם ענני שמיא כבר אנש אתה" (דניאל ז, יג), און ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין (צח, א) אז בשעת ס'איז "זכו", דעמולט איז דאס אין אזא אופן,

ווערט די גאולה פון איצטיקן גלות אין עקבתא דעקבתא דמשיחא פון דעם חושך כפול ומכופל, אין אן אופן אז בשעתא חדא וברגעא חדא ווערט אן אור גדול ביותר, ביז וואנעט אז "לילה כיום יאיר" (תהלים קלט, יב), בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה. טרם צאתו התחיל לנגן ניעט ניעט ניקאווא.

---

*) והנצחיות שבהבנין דב"ר וב"ש (שזהו"ע דמנוחה) היא - ע"פ עירובין (נה, ב) כיון דע"פ ה' כו' שקראו בית לאחרי דואהי' מתהלך באוהל גו' כמאן דקביעי להו דמי - מנוחה והנחלה (כהדיוק בש"ס).

* * *



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 594 הודפס ע"י אוצר החכמה